# דִי אוֹרְחִים אִין דוּרַאצֶעסָאק

## מאת אמ"ד.

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ב לפ"ק

---

## ДИ ОРХИМЪ инъ ДУРАЧИШОКЪ

т. е.

Гости въ Дурачишкѣ

Разсказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

1872.

Дозволено Цензурою 1 Февраля 1872 г. Вильна.

# דֶער חַזָן

אִין דֶעם יָאר טױזֶענְט אַכְטְהוּנְדֶערְט אוּנ דְרַייסִיג אִיזְט אָן גֶעקוּמֶען עֶרֶב שַׁבָּת פוּן פַּרְשָׁה בְּהַעֲלוֹתְךָ אִין דֶער פְּרִיא אִין דֶער שְׁטָאט דוּרַאצְעָסַאק אַיין פַּאדְרַאזְנֶער מִיט אַקְלֵיין פוּרֶעל · אוּנ אִיזְט זִיךְ פַאַרְפָארִין אִין אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶערִין נוּמֶער פוּן דֶער גְרֶעסְטֶע אַכְסַנְיָא וָואס אִיזְט דָארְט · דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא הָאט אִים זֵייעֶר שֵׁיין פֿאָנְגֶענוּמֶען · הָאט אִים גִיגֶעבִּין אַיין בְּרֵייטִין שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אוּנ הָאט אִים דֶער בַּייא גִיפְרֶעגְט "דִיא גֶעוואוֹינְלִיכֶע אִידֶעסֶע פְּרַאגֶע" פוּן וַואנֶען אִיזְט עֶס אַ אִיד · "אִיךְ בִּין" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט "שְׁטָאפֶּערְקֶער חַזָן · ר׳ זוּנְדֶעל קְרֵייעָהאן אוּנ פָאר אִיצוּנְד אִיבֶּער דֶער מְדִינָה אוּם צוּא דַאוְנֶען אִין גְרוֹישֶׂע קְהִילוֹת · אוּנ מַיין אַלְזוֹא הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת צוּא דַאוְנֶען דָא אִין אַייעֶר קְהִילָה" "דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא וָואשׂ וַואר אַגְרוֹיסֶער פְרַיינְט פוּן זִינְגֶען וַואר מִיט זַיינֶעם אַנְטְוָוארְט הֶעכְסְט צוּא פְרִידֶען · אוּנ הָאט צוּא אִים גֶעזָאגְט" וֶוען אַלְזוֹא אָט מַאכְטְזֶע קֵיין שְׁהִיוֹת אוּנ גֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּר צוּא דֶעם פַּרְנֵס חוֹדֶשׁ דָאס עֶר זָאל אַייךְ עֶרְלוֹיבִּין צוּא דַאוְנֶען אִין גְרוֹישֶׂע שׁוּל · דַאן וֶועט אִיר שׁוֹין בֶּעפְרִידִיגְט וֶוערִין אוֹיף דֶעם גְרֶעסְטִין גְרַאד · דֶען אוּנְזֶערֶע שְׁטָאדְט לַייט זַייעֶן גְרוֹישֶׂע בַּאלָאנִים אוֹיף זִינְגֶען · אוּנ בֶּעלוֹינֶען יֶעדֶען דוּרְךְ פָארֶענְדִין חַזָן זֵייעָר רַייךְ · אוּנ בִּפְרַט אַייךְ וָואס אִיר זַייט שׁוֹין אַיין שֵׁם דָבָר דֶען וֶוער הָאט נִיט גִיהֶערְט פוּן דֶעם ר׳ זוּנְדְלֶ׳ען שְׁטָאפֶּערְקֶער חַזָן. ·

דֶער אוֹרַח וַואר מִיט דִיזֶער תְּשׁוּבָה זֵייעֶר צוּא פְרִידָען · הָאט זִיךְ בַּאלְד זֵייעֶר שֵׁיין אָן גֶעטָאן אוּנ אִיזְט זִיךְ אַוֶועק צוּ דֶעם פַּרְנֵס חוֹדֶשׁ · קוֹים אָבֶּער אִיזְט עֶר אַרוֹיס פוּן דֶער אַכְסַנְיָא אוּנ

האט

פלעגט ער דאך שוין צוא קומען ביי טאג ·, דאש איזט אשכל
האט זיך דיא רעבעצין אפ גערופן · מען האט אהין געשיקט
פרעגען מען האט אבער פון דארט אויך ניט גיקענט דער גיין צוא
איזט ער גיוועזן מיט אקאפ צוא אן אקאפ דען דער שמש פון
דארט האט גיענטפערט מיר קענען עש ניט ווישען ווייל ער
פלעגט צוא קומען מיט דעם טלית איבערין קאפ אימר · נון האט
מען גישיקט פרעגין ביי דעם בעדער · דען ווער קען נאך אזוא
אזאך בעסער וויסען אלם ער · דארט גייט מען דאך שוין ניט מיט
אטלית איבער דעם קאפ · פאר קערט נאך מען גייט דארטין
גאר מוטער נאקעט · נון קען ער שוין יעדען בעזונדער קענען מיט
דיא ביינער .

אונ ביי אלעם דעם האט דער בעדער גיענטפערט דאש
ער ווייש עש אויך ניט · וואלט מען ביי מיר פרעגין אויף איין
אנדער סימן וואלט איך גיענטפערט סייצאס וויא דיא מעשה איזט
באמת · ווייל מען גייט דאך אין באד נאקעט אונ בלויז · קען איך
עש אלץ בעטראכטין אונ וויסען · וואש עש איזט אבער נוגע צוא
דעם סימן צוא איזט ער מיט אקאפ גיוועזן צוא אן אקאפ דאש
קען איך גאר ניט וויסין ווייל אין מרחץ ביי מיר איזט קיין קאפ
פון קיין מענטשין צוא זעהען · דען דער רויך וואש שטייגט ארויף
אויבין צום באלקין פאר דעקט אלע מענטשין דיא קעפ · דיא
העלדזער · ביז דיא אקסלען · אונ פשיטא שוין האב איך שוין
ניט גיקענט וויסין דעם רב וואש עש איזט דאש מער מיט זיין
קאפ · דאש זעלבסט זיינע פרויא אונ דיא בית המדרשניקעס
ווייסין ניט צוא האט ער גיהאט אקאפ .

ווייזשט איר וואש האט גזיך אפ גירופין איינער פון דיא
דיינים לאמיר ווארטין נאך אפאר טעג ביז ער וועט אן הייבין
צוא גיין צוא חלום · דאן קען מען דאש שוין וויסין אויף קלאר ·
דען מען וועט דאך שוין זעהען צוא איזט ער מיט אקאפ צוא ער
איזט אן אקאפ · אט זייט איר מיר אחכם האט אים אפ גיענטפערט
דער



דער ראש בית דין צוא חלום גייט מען דאך ביי נאכט אין דער
פינצטער וועט מען דאך ווייטער ניט ווישין אלע וויא דיא
רעבעצין ווייסט ניט צוא איזט ער גיוועזן מיט אקאפ צוא אן אקאפ
נור צוא ליב דעם וואש ער פלעגט מער ניט צוא קומען צוא איר
ביי נאכט אין דער פינסטער .

קורץ דער פון מען איזט משוגע גיווארין קלערינדיג וויא
מען זאל עם דער גיין ביז דער ראש בית דין איזט געפאלין אויף
איין פאל „ער האט דאך געמאכט אפולע ספרים„ האט ער זיך אפ
גערופין נון לאמיר דורך לערנען זיינע ספרים וויא וועלין מיר שוין
דארט ניט אן מערקין צוא האט ער גיהאט אקאפ צוא ניין · דיזע
עצה איזט אלעמען זייער גיפעלין יעדער דיין האט דורך געקוקט
זיינעם אספר · אונ אלע האבין יעדינגעגראסנע (איינשטימיג) אן
גימערקט · דאש ער האט גאר קיין קאפ געהאט · אלזוא איזט
עש דער רב · אונ האבין מתיר גימאכט זיינע פרויא · נון זעהט
מען וויא גרויש עש ווארען דיא פאר צייטיגע מוחות · היינטיגע
וואלטין גאר ניט גיפאלין אויף אזוא איין איינפאל · אונ וואלטין
עש גאר ניט אן גימערקט · נון זעהט מען בעונותינו הרבים ·
וויא עם ווערין נתמעט הלבבות אין דיזע יארען ·

---

(דער טאלער אונ דיא פאדקיווע)

גוסטאוו דער צווייטער קיניג פון זאקסין אונ פון פוילין וואר
איין וואונדערליכער מאן דאש דיא וועלט האט נאך ביז איצונד
גינוג צו דר ציילין פון אים · נון וועלין מיר דא באשרייבין איין
קליינעם אבער איין שיינעם פון אים · ער וואר איין גרוישער
פריינד פון יאכט · אונ מעהר שוין וויא איין מאל האט ער זיך
פאר אירט יאגענדיק זיך נאך אהירש · נאך אהאז · אונ האט
גימוזט בלייבין נעכטיגין ביי איינעם בויער אדר אין איין קליין
קרעצמילכע · אונ ...

אורחים אין דורא[illegible]

וויא איין גימיינער יעגער וייל ער וואר אזוי גיקליידעט · איין כאל אלם ער וואר אויף אזוי איין פאראירטע רייזע · האט זיין פערד אויף וועלכין ער האט גערייטין פארלארין אפאדקאווע · אונ וואר אזוי גיצוואונגין איינצוקעהרין אין דיא ערשטע קוזניע וואש ער האט אנגיטראפין לעבין אקליין דערפיל · אום צו לאזין שמידין זיין פערד · אונ מאכין זיך דר ביא איין עטוואם לוסטיג · דען אלם דער שמיד האט גימאכט פארטיג דיא פאדקיווע אונ האט גיזאלט אנשלאגין אן דער קאפיטע האט צו אים גיזאגט דער קיניג „הערמאל מיין פערד האט איין הארטין טריט דאהער מוז איך דיא פאדקיווע פארהער פרובירין צוא איז זיא גינוג שטארק" „אונ מיט וואש קענין זייא עש וויסין ?" האט אים דער שמיד גיפרעגט „מיט די הענט" האט אים דער קיניג גיענטפערט „מיט דיא הענט ?" האט זיך דער שמיד אפגירופין „שאדע אום אייערע איידעלע אונ שיינע פינגער" „אונ איך גלויבע האט זיך דער קיניג אפגירופין „דאש עס איז פיל מעהר שאדען אום אייער איידעלע פאדקאווע · אונ אזוי ריידענדיק מיט אים האט ער אריין גינומין דיא פאדקאווע אין האנד אונ האט איר גיגעבין אבייג הין אונ הער אונ האט איר אזו לייכט צו בראכין וויא מען צו ברעכט אגראסענעם בייגיל · אונ האט אים דער צו נאך אוים געלאכט · אונ געזאגט „איי וואש פאר איין ארבייט איזט עס" דער שמיד וואר העכסט דאריבער פאר וואונדערט · נאך מער זיינע צעלאדניקעם · אונ דער צוא נאך גאנץ פאר שעמט „נוא" האט ער זיך אפ גירופין „ועלין מיר שוין וויסין בעסער צוא מאכין" אונ האט אים גימאכט אפאדקעווע פון ריינערען אייזין אונ דער צו נאך פיל דיקער אונ גוט געהארטעוועט · עש איז אבער מיט דער צווייטע ניט בעסער גיגאנגען אלם מיט דער ערסטע · אונ אזו וואר עש אויך מיט דער דריטע · מיט דער פערטע · קוים איז אים גיפעלין די פינפטע אונ בייא אלעם דעם זיינן גיבליבין זיינע … דאש עס וואר קיין



איינדריקונג צו מערקין אויף זייא : דען דיזער גוסטאוו וואר דער בעריהמסטער גבר אין זיינע צייטין דאם ער האט מיט איינעם פאך ארונטער גיהאקט (מיט זיין שווערד) דעם כאפ פון איין ציבאנעם אקם · אונ אקאנאן אפ געגאנוועט פון דעם שילד וואך וואש האט זיך אויף אווייליע פאר קוקט ·

נון צור זאכע ווייטער · אונ אלם דער שמיד האט שוין דעם פערד בעשלאגין (אפ געשמיט) האט אים דער קיניג גיגעבין אטאלער „נעם עס" האט ער צו אים גיזאגט דען דוא האסט דיך אום מיך בעמיהעט גאנצע צווייא שטונדין · ווא האסט דוא איין הארטין טאלער „איין הארטין טאלער" האט זיך אפ גירופין דער שמיד „וויא אזו ער איז ניט הארט" אונ אזו ריידענדיק האט ער דעם טאלער צו בויגין צווישין זיינע פינגער צו בראכין · אונ דער קיניג האט עם בעוואונדערט · אונ האט אים גיגעבין איין צווייטין טאלער : נור עס איז מיט דעם צווייטין טאלער אויך ניט בעסער גיגאנגען אלם דעם ערסטין · אונ אזו וואר עס מיט דעם דריטין אונ מיט דעם פערטין אונ מיט דעם פינפטין · נוא ווען זויא האט זיך דער קיניג אפ גירופין · וועל איך דיך געבין אזוא איינעם וואש דוא וועסט אים שוין ניט ברעכין „אונ האט אים גיגעבין איין לאדאר" „יא מיין הער" האט זיך דער שמיד אפ גערופין „איך קען נור אייזין ברעכין · זילבער צו בייגין : אבער קיין נאלד" אונ האט עס אריין גישטעקט צו זיך אין טאש „א ליבער פריינד" האט זיך דער קיניג אפ גירופין · זאיי וויסין איך בין דיין קיניג גוסטאוו דער צווייטער · אונ דוא ביזט דער צווייטער פון גוסטאוו · דען נאך האב איך אונטער מיליאנען הוץ דיך ניט גיפונען מיין גלייכין אין קראפט אונ אין מאכט :

אונ האט אים אריין גנומן צו זיך אין הויף פאר אפרידווארנעם שמיד · אונ פלעגט אים מיט צוא נעמען אויף אלע זיינע רייזין :

אורחים אין דוראַגעבשאַק

דער

# פארטעפיאניסט.

איינע וואהרע ערצייהלונג אלס מוראלישער זיטענשפיגעל פאר אונזערע אירעשע ליטהווישעש יוגענד (קינדער)

מאת אמ״ד.

## ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ח לפ״ק

ДЕРЪ ФОРТЕ ПЯНИСТЪ
Повѣсть съ Еврейскаго быта.
Соч. А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ №№ 327 и 328.
1878.



(דער לאטערנען טרעגער)

דאס איז איין וועריטעל וואס לייכטעט ביא נאכט וויא אדימענט · אונ הייסט ביא אונז יאהאנים ווירעמכען ווייל ער הייבט זיך אן צוא ווייזען ארום די צייט פון יאהאן · אין לשון הקודש רופט מען אים גומרא דלילתא (די נאכט קאהלע) (אין ילקוט פ׳ בראשית) אין אמעריקע זייען דא אזעלכע וואש זייען לאנג גאנצע צוויא צאל · אונ לייכטען וויא שטאלאווע ליכט · דאס דיא בויערין געברויכין זייא אן שטאט אליכט צוא דער ארבעט · זייא האלטין זייא אין פלעסער אויף דעם טיש · פאר איאר צוואנציג צוריק האט איין געוויסער פראנצויזישער נאטור פארשער דוכאטעל גימאכט דער מיט איין שרעקליכען שפאס אין פאריז · ער האט מיט זיך גיבראכט פון אמעריקע אפאר הונדערט פון זייא אין פלעסער · אונ האט זיי ארוים גילאזין אין די גאסין פון פאריז אין אפינצטערע נאכט · אונ אלס זייא האבין אן גיהייבין אום צוא פליען איבר דיא דעכער · האט מען גימיינט דאש עס פליהען פונקען פייער זייען אנגעלאפין דיא פאזארנע ראטעס פון אלע זייטין · אונ מען האט אן גיהייבין צוא קלינגען מיט אלע גלאקין · אונ דיא גאנצע שטאט איז גיווארין העכסט אונרוהיג אונ צוא שראקין · אונ מען האט זיך ערסט בערוהיגט אלס איינע איז ארונטער גיפאלין אויף דער ערד אונ דאן האט דאס גאנצע פאלק אוים גיבראכין אין איין שאלענדן גילעכטער · אונ מען האט גישריען אורא אונ זיך בעלוסטיגט דער מיט ביז טאג :

אזוא מיינע טייערע לעזערין איז גאט גרוים זעלבסט אין זיין קלענסטעס ווערק :